NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04602

TSU GAST

Abraham Leib

*Permanent preservation of this book was made possible
by Lillian Barbash
in memory of
her parents, Esther Breitman & Benjamin Like*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. לייב:

צו גאַסט

איינאַקטער פֿאַר קינדער

פֿאַרלאַג: רויטע פּעדים, ניו יאָרק 1934
358

מײַן אינגעלע ארעלען אַ מאַטאָנע

Copyright by

ABRAHAM LEIB

New York, 1934

עס נעמען אָנטייל פאָלגנדע פּערזאָנען:

סאָוועטישער פּיאָנער.

דזשימי — נעגרישער פּיאָנערן-דעלעגאַט פון אַמעריקע.

דייטשער פּיאָנערן-דעלעגאַט.

דייטשער דיפּלאָמאַט.

כינעזישער פּיאָנערן-דעלעגאַט.

יאַפּאַנעזישער פּיאָנערן-דעלעגאַט.

רויט-אַרמייער.

הויפּט-קאָמאַנדיר — פירער פון דער רויטער אַרמיי.

ערשטער רויט-אַרמייער
צווייטער רויט-אַרמייער } פון דער ערן-וואַך ביים לענין מאַווזאָליי.

בעני — אַמעריקאַנער פּיאָנערן-דעלעגאַט.

ערשטער פּיאָנער
צווייטער פּיאָנער
דריטער פּיאָנער
פערטער פּיאָנער } סאָוועטישע פּיאָנערן.

אַרבעטער, קאַפּיטאַליסטישע דיפּלאָמאַטן, רויט-אַרמייער, פּיאָנערן.

דעקאָראַציעס: די פאָדערשטע וואַנט פון׳ם לענין-מאַווזאָליי.

לענין מאװזאָליי.

(ווען דער פאָרהאַנג עפנט זיך זיצן שוין אויף איין זייט פון דער בינע די דעלעגאַטן פון די פּיאָנערן פון אמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, פּוילן, כינע, יאַפּאַן און אַנדערע לענדער מיט זייערע עמבלעמען אויף די רויטע פאָנען.

פון דער צווייטער זייט זיצן די דיפּלאָמאַטן פון פאַרשידענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָנגעטאָן אין רייכע פראַקן און האַלטן בינאָקלען.

פון צווישן די צוויי גרופּעס, זעט זיך ארויס דער לענין מאַוזאָליי. צוויי רויט-אַרמייער שטייען אויף דער ערן-וואַך.

אַ סאָוועטישער פּיאָנער שטייט ביי דער זייט מיט אַ טרומייט און בלאָזט אויס טענער פון אינטערנאַציאָנאַל.

עס מאַרשירט אריין אַ גרופּע רויט-אַרמייער מיט געזאַנג און מאַכן פאַרשידענע איבונגען).

סאָוועטישער פּיאָנער: (שרייט אויס) זאָל לעבן די העלדישע רויטע אַרמיי!

אַלע: (אַ כוץ די דיפּלאָמאַטן) הוראַ! הוראַ! הוראַ!
(די רויטאַרמייער שטעלן זיך אין אַ זייט).
(ס'קומען אַריין סאָוועטישע פּיאָנערן. זיי זינגען און טאַנצן).

סאָוועטישער פּיאָנער: (שרייט אויס) לעבן זאָלן די פּיאָ־
נערן פון דער גאנצער וועלט!

אַלע: (אין כאָר) הורא! הורא! הורא!
(עם מאַרשירן אריין ארבעטער מיט רויטע פאָנען
און א גרויסן פלאקאט אף וועלכן ס'איז אָנגעשריבן:
„זאָל לעבן דער ערשטער מאַי").

סאָוועטישער פּיאָנער: זאָל לעבן...
דזשימי: (כאפּט אוים) זאָל לעבן דער ערשטער מאַי, דער
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער יאָנטעוו!

אַלע: (פּאַטשן און שרייען) בראַוואָ! בראַוואָ! בראַוואָ!
(די דיפּלאָמאַטן קרומען זיך און שושקען זיך).

דייטשער דעלעגאַט: (רופט אוים) רויט־פראָנט! רויט־
פראָנט!

אַלע: (פּאַטשן און ענטפערן) רויט־פראָנט! רויט־פראָנט!

דייטשער דיפּלאָמאַט: (אויפגערעגט) איך דערלויב
נישט אַז... (די אַנדערע דיפּלאָמאַטן האַלטן אים צוריק,
אָבער ער רעדט ווייטער) די דייטשע רעגירונג האָט מיך
באַפולמעכטיקט צו זיין דאָ אלס פארטרעטער און נישט
קיין אנדערן. איך דערלויב דעריבער נישט, אַז... (די דיפּ־
לאָמאַטן האַלטן אים צוריק).

כינעזישער דעלעגאַט: לאַנג לעבן זאָלן די כינעזישע
סאָוועטן!

אַלע: הוראַ! הוראַ! הוראַ!
(עם דערהערט זיך א פּויקערײַ און א רויט־אַרמייער
קומט אַריין).

רויט-אַרמייער: דער כּאַוועד הויפּט-קאָמאַנדיר קומט אייך באַגריסן אין נאָמען פון דער אַלפּאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

(אַלע שטעלן זיך אויף און באַגעגענען דעם הויפּט-קאָמאַנדיר מיטן אינטערנאַציאָנאַל. די דיפּ־לאָמאַטן שטעלן זיך אויך אויף. זיי זינגען ניט, נאָר באַגריסן דעם הויפּט-קאָמאַנדיר מיט די הענט).

הויפּט-קאָמאַנדיר: (הייבט אויף די פויסט) זייט געגריסט, כּאַוויירים!

אַלע: (אין כאָר) מיר באַגריסן אונזער פירער פון דער פּראָלעטארישער אַרמיי!

הויפּט-קאָמאַנדיר: דער קאָמינטערן און די אַלפּאַרבאַנ־דישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי שיקן אייך אַ רעוואָלוציאָ־נערן גרוס, כּאַוויירים אַרבעטער, פּיאָנערן, דעלעגאַטן פון אַלע לענדער און אייך רויט-אַרמייער. אונזער רויטע אַר־מיי איז געשאַפן געוואָרן צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטער־לאַנד פון אַלע אַרבעטנדיקע פון דער וועלט. מיר ווילן ניט קיין מילכאָמע. מיר ווילן ניט פּאַרכאַפּן קיין אַנדערע לענדער. (ווענדט זיך צו די דיפּלאָמאַטן) מיר ווילן האָבן שאָלעם, ווייל מיר ווייסן, אַז פון קריג לײַדן נאָר די אַר־בעטער. אויב אבער די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועלן אָנפאַלן אויף אונז, וועלן מיר זיך פּאַרטיידיקן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. קיין איין שריט סאָוועטישן באָדן וועלן מיר ניט אָפּגעבן צו אונזערע סאָנים.

(אַלע פּאַטשן. די דיפּלאָמאַטן קוקן איינער צום צווייטן און זיינען ערנסט).

סאָוועטישער פּיאָנער: (שרייט אויס) פּיאָנערן, לעניגס קינדער, זייט איר גרייט?

אַלע פּיאָנערן: שטענדיק גרייט!

הויפּט-קאָמאַנדיר: און איר רויט-אַרמייער?

(די רויט-אַרמייער און אַרבעטער ענטפערן מיט אויפהויבן די פויסטן).

הויפּט-קאָמאַנדיר: כאַווײרים רויט-אַרמייער, לאָמיר אָפּגעבן אונזער שוואוע צום אַרבעטער פאָטערלאַנד.

(ער הייבט אָן. אַלע ענטפערן).

הויפּט-קאָמאַנדיר: איך, דער זון פון אַרבעט...

אַלע רויט-אַרמייער: (לאַנגזאַם) איך, דער זון פון אַר-בעט...

הויפּט-קאָמאַנדיר: זאָג צו אויף זיכער...

אַלע רויט-אַרמייער: זאָג צו אויף זיכער...

הויפּט-קאָמאַנדיר: אַז איך וועל פאַרטיידיקן...

אַלע רויט-אַרמייער: אַז איך וועל פאַרטיידיקן...

הויפּט-קאָמאַנדיר: דאָס אַרבעטער פאָטערלאַנד פון אַלע סאָנים.

אַלע רויט-אַרמייער: דאָס אַרבעטער פאָטערלאַנד פון אַלע סאָנים.

(אַלע פּאַטשן).

הויפּט-קאָמאַנדיר: זאָל לעבן דער ערשטער מאַי, דער יאָנטעוו פון אַלע אַרבעטער און פּויערים!

אַלע: הוראַ! הוראַ! הוראַ!

(מען זינגט און מען טאַנצט. גרופּע נאָך גרופּע גייען אַרויס. עס בלייבן נאָר די צוויי רויט-אַרמייער פון דער ערן-וואַך ביים לענין מאַוזאָליי).

ערשטער רויט-אַרמייער: אַך, איז דאָס אַ יאָנטעוו. אַ שאָד, וואָס כאַווער לענין איז שוין טויט און זעט ניט, ווי שטאַרק מיר זיינען אויסגעוואַקסן און ווי גוט מיר בויען אונזער אַרבעטער-לאַנד.

צווייטער רויט-אַרמייער: אָ, ווי ער וואָלט זיך געפרייט! איך געדענק נאָך, ווי ער האָט גערעדט ביי אונז אויפן זאַוואָד, אַז מיר זאָלן באַקעמפן אַלע ווייס-גוואַרדייער, וואָס ווילן אומברענגען אונזער סאָוועטישע מעלוכע.

ערשטער רויט-אַרמייער: אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס עס לעבט נישט מער אונזער גרויסער פירער, כאַווער לענין!

צווייטער רויט-אַרמייער: זיי נאָר שטיל אַ מינוט. איך הער עמיצן גיין. (זיי הערן זיך צו).

ערשטער רויט-אַרמייער: גיי שוין גיי. עס דוכט זיך דיר נאָר אויס. (פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס).

(עס קומען שטילערהייט אריין די צוויי אמעריקאַנער פּיאָנערן דעלעגאַטן).

דזשימי: ש! שאַ! אָט זיינען מיר שוין ווידער ביים לענין-מאַוזאָליי.

בעני: (קוקט זיך ארום) ש! זע נאָר, דזשימי, די צוויי רויט-אַרמייער שטייען נאָך אַלץ דאָ.

דזשימי: שלעכט, זייער שלעכט. זיי וועלן דאָך אונז איצט נישט אַריינלאָזן צו לענינען.

בעני: (נעמט אים ארום) שטילער. קום, לאָמיר צוגיין נעענטער. (ער באַטאַפּט די וואַנט) זעסט, דזשימי, אָט אינעווייניק ליגט אונזער גרויסער פירער כאַווער לענין. ער האָט אַזוי ליב געהאַט קינדער און מיר קענען אים איצט נישט זען.

דזשימי: (טרויעריק) ניין, בעני, איך וויל ניט וואַרטן ביז מאָרגן, ווען אַלע דעלעגאַטן וועלן אַריינגיין זען כאַווער לענינען. איך וויל אים נאָך היינט זען. איך קען ניט וואַרטן ביז מאָרגן. איך דאַרף אים דערציילן, ווי די נע־גערס ווערן אונטערדריקט אין אַמעריקע און וועגן מיין טאַטן...

בעני: (האַקט אים איבער) ווייסטו גאָר וואָס דזשימי ? יאָ, מיר מוזן אים טאַקע נאָך היינט זען. איך האָב אים אויך צו דערציילן אַ סאַך זאַכן. ווי אַזוי אָבער וועלן מיר אַריינגיין ? (פאַרטראַכט זיך) דזשימי, איך האָב אַ פּלאַן.

דזשימי: וואָס ? וואָס ?

בעני: די רויט־אַרמייער זיינען שוין זיכער מיד פון שטיין אַ גאַנצן טאָג. זיי וועלן געוויס באַלד אנטשלאָפן ווערן. מיר וועלן דאַן קריכן אויף אַלע פיר און זיך אַריינגאַנווע־נען צו אונזער כאַווער לענין.

דזשימי: (אומצופרידן) ס'איז אָבער נישט אַזוי... (ער כאַפּט זיך באַלד) דו ווייסט, בעני, רויט־אַרמייער ווערן קיינמאָל נישט מיד.

בעני: ריכטיק. זייער ריכטיק. איך האָב גאָר פאַרגעסן!... (דעקלאַמירט) „קיינמאָל דאַרשטיק, קיינמאָל מיד שטייען יאַטן און מען היט." דו ביסט גערעכט, דזשימי, רויט-אַרמייער ווערן טאַקע קיינמאָל נישט מיד. נאָר וואָס טוט מען דאָך? (טראַכט) דזשימי, איך האָב איצט אַ בע-סערן פּלאַן.

דזשימי: טאַקע? נו, זאָג!

בעני: די רויט-אַרמייער וועלן דאָך נישט שטיין אַ גאַנצן אָוונט. זיי וועלן נאָך זיכער זיך בייטן מיט אַנדערע און דאַן וועלן מיר זיך אַריינגאַנווענען צו כאַוער לענין.

דזשימי: (נאָך אַלץ אומצופרידן) ס'איז נאָך אַלץ ניט... ס'איז ניט שיין צו...

בעני: (לייגט ארויף די הענט אויף דער וואַנט און זאָגט בעטנדיק) כאַוער לענין, זיי ניט בייז אויף אונז, וואָס מיר גאַנווענען זיך אַריין צו דיר. מיר קומען אַזש פון אַמעריקע. ס'איז דאָך אַזוי ווייט און מיר ווילן דיך זען. מיר האָבן דיר אַזוי פיל צו דערציילן. מיר קענען נישט וואַרטן ביז מאָרגן.

דזשימי: (אומרואיק) איך האָב אָבער מוירע צו גאַנ-ווענען...

בעני: האָב ניט קיין מוירע, דזשימי, כאַוער לענין איז אַ גוטער און פאַרשטייט אַלץ. קום, לייג זיך.

(דזשימי ציט זיך אויס אויפן דיל און נאָכדעם בעני).

ערשטער רויט-אַרמייער: (קוקט אויפן זייגער) ווייסט,

כאַווער איוואַן, ס'איז שוין ניין אַזייגער. די אַנדערע כאַווײרים דאַרפֿן שוין קומען אונז פֿאַרבייטן.

צווייטער רויט-אַרמייער: (הערט זיך צו) יאָ, איך הער זיי שוין טאַקע גיין.

(עס קומען אַריין צוויי רויט-אַרמייער. באַגריסן זיך און פֿאַרנעמען די פּאָסטנס. דערווייל הערט זיך שוין ווי דזשימי כראָפּעט. בעני איז אויך איינגעשלאָפֿן און אַריינגעלייגט זיין קאָפּ צווישן דזשימים פּיס. עס קוקט אויס, ווי אַ גרויסע שוואַרצע פיגור ליגט אויסגעצויגן און שנאָרכט. די ערשטע צוויי רויט-אַרמייער געזעגענען זיך. גייען אָפּ אַ פּאָר טריט און באַמערקן די לאַנגע פיגור).

ערשטער רויט-אַרמייער: (שרייט אויס) ווער ליגט דאָרט?

צווייטער רויט-אַרמייער: ווער איז דאָס? איך האָב אָבער פריער געזאָגט, אַז איך האָב געהערט עמיצן גיין. (דזשימי באַוועגט זיך אַביסל) ליג! איך שיס! (ציט אויס די ביקס).

ערשטער רויט-אַרמייער: (גייט צו נעענטער) זע נאָר, איוואַן, עפּעס אַן אויסגעשמירטער מאַן שלאָפֿט דאָ.

צווייטער רויט-אַרמייער: וועק אים אויף, עפּשער איז דאָס אַן אויסלענדישער שפּיאָן און געוואָלט עפּעס שלעכטס טאָן. איך שטיי גרייט מיט דער ביקס.

ערשטער רויט-אַרמייער: (וועקט) בירגער, שטיי אויף, דאָ איז נישט קיין פּלאַץ צו שלאָפֿן.

צווייטער רויט-אַרמייער: וועק אים שטאַרקער. ער איז נאָך געווים אויך אָנגעשיקערט.

ערשטער רויט-אַרמייער: נו, בירגער, שטיי שוין אויף. נו, גיכער! (ער נעמט אים אויפהויבן).

צווייטער רויט-אַרמייער: (וואַרפט אַוועק די ביקס) זע נאַר! נאָך איינער ליגט דאָרט. (ער כאַפּט בעניִן און קוקט אים אָן) עס זיינען דאָך גאַר קינדער און פּיאָנערן.

(מען וועקט זיי און דזשימי כאַפּט זיך אויף א דער־שראָקענער).

דזשימי: (צעוויינט זיך) לאָזט מיך אָפּ. וואָס ווילט איר פון מיר? געוואַלד! געוואַלד! העלפט! לאָזט מיך אָפּ. איך האָב גאָרנישט ניט געטאָן. לינטשט מיך ניט! לינטשט מיך ניט! שוין גענוג, וואָס איר האָט מיין טאַטן געלינטשט! (וויינט שטאַרקער).

(בעני שלאָפט נאָך אַלץ אין די אָרימס פון צווייטן רויט-אַרמייער).

ערשטער רויט-אַרמייער: (גלעט דזשימין) נו, וויין ניט, כאַוועריל! מיר ווייסן שוין ווער דו ביסט. מיר וועלן דיר גאָרנישט ניט טאָן. נו, באַרואיק זיך, מיין ליבער, און קום אַהין צו דיין כאַווער.

(טראָגט אים צו בעניִן).

דזשימי: (דערזעט בעניִן און שרייט נאָך אַלץ דערשראָקן) בעני! בעני! זע נאָר, די ווייסע ווילן מיך שלאָגן. בעני, העלף מיר! (וויינט).

בעני: (כאַפּט זיך אויף און נעמט זיך שלאָגן די רויט-אַר־מייער) האַ! וואָס! לאָזט אָפּ דזשימין! (ער באַמערקט

די רויט-אַרמייער, וואָס לאַכן און באַרואיקט זיך) זע נאַר, וואָס טו איך? איך שלאָג גאָר כאַוויירים. דזשימי, שרעק זיך ניט, מיר זיינען דאָך אין מאָסקווע. זיי זיינען דאָך אונזערע כאַוויירים, רויט-אַרמייער.

דזשימי: (ווישט זיך די אויגן) האָ? טאַקע. איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך בין איצט אין לענינס לאַנד, וואו אַלע זיינען גלייך און מען לינטשט נישט קיין נעגערס.

צווייטער רויט-אַרמייער: אָבער וואָס טוט איר דאָ כאַ־וויירים פּיאָנערן פון אַמעריקע? איר דאַרפט דאָך גאָר איצט זיין ביים ערשטן מאַי באַנקעט.

בעני: האָ? וואָס מיר טוען דאָ? (פאַרכאַלעמט) מיר זיינען געווען ביי לענינען און האָבן אים דערציילט וועגן אַלץ, וועגן אַלץ וואָס...

דזשימי: (האַקט אים איבער. פאַרוואונדערט) בעני, דו ביסט געווען ביי לענינען? און איך? איך בין גאָר גע־שלאָפן.

בעני: יאָ, (פאַרכאַלעמט) איך בין געווען ביי לענינען און האָב אים אַלץ דערציילט.

(די רויט-אַרמייער ווינקען זיך איבער און שמייכלען. זיי זעצן זיך און נעמען די קינדער אויפן שויס).

ערשטער רויט-אַרמייער: וואָס האָסטו דאָס דערציילט דעם כאַווער לענין? (שמייכלט).

צווייטער רויט-אַרמייער: יאָ, יאָ, זאָג אונז.

בעני: (ערנסט און פאַרטראַכט) ווען איר זייט אַוועקגע־גאַנגען האָב איך זיך אַריינגעגאַנוועט צו כאַווער לע־נינען. (די רויט-אַרמייער שמייכלען) איך האָב אים דער־

ציילט, אַז אין אַמעריקע איז אַ שרעקלאַכער קריזיס. מיין טאַטע און נאָך מיליאַנען טאַטעס זיינען אָן אַרבעט און מיר האָבן ניט קיין קליידער און קיין עסן. די אַרבעטער וואַרפט מען ארויס פון די דירעס. די קאַפּיטאַליסטן אָבער לעבן אין רייכטום. סאַקאָ און וואַנזעטיִן האָבן זיי פאַר־ברענט אויפן עלעקטרישן שטול און טאָם מוני זיצט נאָך אַלץ אין...

דזשימי: (האַקט אים איבער) און וועגן מיין טאַטן און וועגן די סקאַטסבאָראָ אינגלעך האָסטו גאָרנישט דערציילט?

בעני: יאָ, יאָ, דזשימי, איך האָב אויך דערציילט ווי די ווייסע פּלאַנטאַטאָרס, די רייכע פון די דאָרעם־שטאַטן פון אַמעריקע זיינען באַפאַלן דיין טאַטן און אים געלינטשט. ווי דו האָסט געמוזט אַנטלויפן פון דיין היים, קעדיי זיך צו ראַטעווען. איצט ווילן זיי אומברענגען ניין אומשול־דיקע נעגער־אינגלעך פון סקאַטסבאָראָ, וויל...

דזשימי: (האַקט אים איבער) אַזוי! אַזוי! זייער גוט. וואָס האָט כאַווער לענין געזאָגט אויף דעם?

בעני: כאַווער לענין האָט געזאָגט, אַז ווען מיר וועלן צו־ריקקומען קיין אַמעריקע זאָלן מיר זען העלפן אין דער אַרבעט, אַז ווייסע און שוואַרצע אַרבעטער זאָלן זיך פאַראייניקן. ווייסע און שוואַרצע קינדער זאָלן ווערן פּיאָ־נערן און העלפן די טאַטעס אין שווערן קאַמף. מיר זאָלן זיך גוט אָרגאַניזירן און באַזיגן אַלע רייכע, דאַן וועלן אַלע זיין פריי.

דזשימי: (באַגייסטערט) אַלע זיין פריי!

(עס דערהערט זיך אַ געזאַנג)

פאַר פרייהייט לאָמיר אַרבעטער־פאָלק
קעמפן אויף די באַריקאַדן.

ביידע רויט-אַרמייער: ווער קומט דאָס אַהער אַזוי שפּעט אין אָוונט?

(זיי לאָזן אָפּ די קינדער און לויפן צו די אַריינגאַנגען).

ערשטער רויט-אַרמייער: (פאַרוואונדערט) זע נאָר! פיאָנערן קומען.

צווייטער רויט-אַרמייער: וואָס ווילן זיי איצט דאָ?

(עס קומען אַריין סאָוועטישע פּיאָנערן).

ערשטער פּיאָנער: כאַווײרים, רויט-אַרמייער, האָט איר עפּשער געזען די אַמעריקאַנער פּיאָנערן דעלעגאַטן?

צווייטער פּיאָנער: זיי זיינען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און מיר זוכן זיי שוין אַ פּאָר שאָ.

דריטער פּיאָנער: מיר וואַרטן מיטן באַנקעט צוליב זיי.

פערטער פּיאָנער: מיר קענען ניט אָנהייבן אָן די אַמע-ריקאַנער דעלעגאַטן.

ערשטער רויט-אַרמייער: זאָרגט זיך ניט כאַווײרים-לעך. (ווייזט אָן). אָט זיינען די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן.

(די פּיאָנערן לויפן צו און כאַפּן זיך אַרום מיט דזשימין און בענין).

אַלע פּיאָנערן: וואו זייט איר דאָס געווען אַמעריקאַנ-צעס? וואו זייט איר דאָס פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן?

בעני: מיר זיינען ניט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. מיר זיי-נען געווען צו גאַסט ביי לענינען. איך וועל אייך אַלץ דערציילן, נאָר איצט קומט, לאָמיר שוין גיין צום באַנקעט.

(צוויי פּיאָנערן נעמען דזשימין אונטערן אָרים און צוויי — בענין. די צוויי רויט-אַרמייער גייען זיי נאָך. מען גייט אַרויס מיט געזאַנג).

פאָרהאַנג